קיין דמשק צו ברענגען אויך די, וואָס זענען דאָרטן
געווען, געבונדן קיין ירושלים, כדי זיי זאָלן באַ־
6 שטראָפֿט ווערן. און עס איז געשען, בשעת איך בין
געווען אויפֿן וועג און האָב מיך דערנענטערט צו
דמשק, אַרום האַלבן טאָג האָט מיך פּלוצלונג אַרומ־
7 געלויכטן אַ גרויס ליכט פֿון הימל. און איך בין
אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד, און האָב געהערט אַ
קול זאָגן צו מיר: שאול, שאול, וואָס פֿאַרפֿאָלגסטו
8 מיך? און איך האָב געענטפֿערט: ווער ביסטו, האַר?
און ער האָט צו מיר געזאָגט: איך בין ישוע הנוצרי,
9 וועמען דו פֿאַרפֿאָלגסט. און די, וואָס זענען מיט
מיר געווען, האָבן געזען דאָס ליכט, נאָר דאָס
קול, וואָס האָט גערעדט מיט מיר, האָבן זיי נישט
10 געהערט. און איך האָב געזאָגט: וואָס זאָל איך טון,
האַר? און דער האַר האָט צו מיר געזאָגט: שטיי
אויף, גיי קיין דמשק; און דאָרטן וועט דיר (שוין)
געזאָגט ווערן וועגן אַלעם, וואָס איז דיר באַשטימט
11 געוואָרן, צו טון. אַזוי ווי אָבער איך האָב נישט געקענט
זען צוליב דעם גלאַנץ פֿון יענעם ליכט, בין איך
געקומען קיין דמשק, געפֿירט ביי דער האַנט פֿון די,
12 וואָס זענען מיט מיר געווען. און אַ געוויסער חנניה,
אַ גאָטספֿאָרכטיקער מאַן לויט דער תורה, וועלכער
האָט געהאַט אַ גוטן שם ביי אַלע יידן, וואָס האָבן דאָרט
13 געוואוינט, איז געקומען צו מיר, און שטעלנדיק
זיך דערנעבן, האָט צו מיר געזאָגט: ברודער שאול,
ווער ווידער זעענדיק! און אין דער זעלביקער שעה
14 האָב איך געקוקט אויף אים. און ער האָט געזאָגט:
דער ג־ט פֿון אונזערע אבות האָט דיך אויסדער־
ווילט, צו וויסן זיין רצון און צו זען דעם צדיק
15 און צו הערן אַ קול פֿון זיין מויל אַרויס. מחמת דו
וועסט זיין אַן עדות פֿאַר אים צו אַלע מענטשן פֿון